**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 41 מיליאן דאלער פאר ריינע וואסער סיסטעמען און ארטיגע טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן איבער'ן סטעיט

***פארגעשלאגענע באַנד פארקויף אין סך הכל פון 879 מיליאן דאלער באשטעטיגט צו פינאנצירן ניו יארק סיטי פראיעקטן און שפארן אן ערך פון 18 מיליאן דאלער פאר ראטע-באצאלער דורך ווידער-פינאנצירן מערערע פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט אנאנסירט אז דער 'ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען' באָורד אָוו דירעקטאָרס האט באשטעטיגט 41 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג וואס נעמט אריין לאָו-קאָסט הלוואות און פריער אויסגעטיילטע גרענטס, צו ערמעגליכן פאר די באקומער צו באקומען די הלוואות און גרענט געלטער און פאראויס-פירן זייערע וואסער און סוער אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

דער באורד האט אויך באוויליגט אן 879 מיליאן דאלערדיגע געבארגטע באַנד פינאנצירונג צוצושטעלן קאפיטאל פאר פארשידענע ערליי אפפאל-וואסער און טרונק-וואסער פראיעקטן פאר דער ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט (NYCMWFA) און צוריקצוצאלן געוויסע פריער-ארויסגעגעבענע באַנדס. צוריקצאלן פריער פארקויפטע באנדס שפארט נאך געלט פאר EFC'ס מוניציפאלע צוזאמארבעטער דורך ווידער-פינאנצירן די ארגינעלע באנדס וועלכע האבן פינאנצירט זייערע פראיעקטן אויף נאך נידעריגערע אינטערעסט ראטעס. די טראנזאקציע ווערט אפגעשאצט אז עס וועט שפארן 18 מיליאן דאלער פאר ניו יארק סיטי ראטע-באצאלער במשך די קומענדע 10 יאר.

"ניו יארק סטעיט שטייט פעסט מיט אונזער אנטשלאסנקייט צוצושטעלן פאר קאמיוניטיס די נויטיגע הילפס-מיטלען צו מאכן אפגרעידס צו וואסער און סוער סיסטעמען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן וועלן העלפן באשיצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון איינוואוינער, די ענווייראָנמענט, און לעבנס-קוואליטעט אזוי ווי מיר ארבעטן אינאיינעם ארויסצוהעלפן איינוואוינער אין יעדן ווינקל פון דעם סטעיט מיט צוטריט צו זיכערע, ריינע וואסער און פארלעסליכע סוער סערוויסעס."

**'ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען' פרעזידענט און CEO מאורין עי. קאולמאן האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסמענט טוט ארויסהייבן EFC'ס פראאקטיווע צוגאנג צו מאקסימיזירן הילפס-מיטלען און אויסציען דאלארען פאר וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען. צוריקצאלן באַנדס העלפט מאכן ניו יארק'ס סטעיט ריוואלווינג פאנדס עטליכע פון די מערסט ווירקזאמע און עפעקטיווע אין דעם לאנד. דער אפמאך וועט באפרייען קאפיטאל צו שטיצן נאך אינפראסטרוקטור פראיעקטן און אין דער זעלבער צייט צושטעלן אינטערעסט-ראטע פארלייכטערונג צו איינע פון אונזערע גרעסטע בארגער. גאווערנער האוקול'ס אנטשלאסנקייט צו ריינע וואסער איז באוויזן געווארן ווידעראמאל אין איר עקזעקיוטיוו בודזשעט מיט פרעצעדענטלאזע סטעיט פינאנצירונג פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. מיר מוזן אויך פארזיכערן אז מיר האלטן אן די הויכע שטאפל פעדעראלע ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנדס וואס דער סטעיט באקומט. צוליב דעם איז קריטיש-וויכטיג אז אונזער מוניציפאלע צוזאמארבעטער באטייליגן זיך אין די ריינע וואסער-אפשייד געברויכן אנקעטע וואס עפנט זיך דעם וואך."

**דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראָנמענטעל קאָנסערוועישען׳ (DEC) קאמיסיאנער און EFC באורד פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול אנערקענט די ארויספאדערונגען וואס מוניציפאליטעטן האבן אויסצושטיין אין באקומען צוטריט צו הילפס-מיטלען צו מאכן נויטיגע פארבעסערונגען צו ארטיגע וואסער אינפראסטרוקטור. ניו יארק סטעיט מאכט אינוועסטירונגען אויף דורות כדי צו העלפן קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט אדרעסירן לאנג-אנגייענדע געברויכן צו אפגרעיד׳ען און פארבעסערן פארעלטערנדע וואסער אינפראסטרוקטור. ניו יארק׳ס ריינע וואסער און טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנדס, און גרענטס צוגעשטעלט דורך דער וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט, באזארגן מוניציפאליטעטן די פינאנצירונג וואס איז נויטיג צו באשיצן פובליק געזונטהייט און דער ענווייראָנמענט.״

**ניו יארק סטעיט העלט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״ניו יארק׳ס באדייטנדע פינאנץ פארשפרעכונג צו פארבעסערן קוואל וואסער קוואליטעט און טרונק-וואסער לענגאויס דעם סטעיט ווערט געוויזן אין די אפפאל-וואסער און טרונק-וואסער פראיעקטן היינט דא פינאנצירט. דער אימפאקט פון די נויטיגע אפגרעידס וועלן געמאסטן ווערן אין אלגעמיינע פובליק געזונטהייט פאר יארן אין דעם צוקונפט, און איך מוטיג בארעכטיגטע קאמיוניטיס אויסצוניצן די געלעגנהייט פון די הילף.״

דאס באוויליגן דורך דעם באורד רעכנט אריין פינאנצירונג דורך דער ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ (CWSRF) און ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ (DWSRF) און גרענטס אין איינקלאנג מיט דער ׳וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט׳ (WIIA). באזוכט EFC׳ס [וועבזייטל](#) אויף אויסצוגעפונען מער איבער וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג מעגליכקייטן.

מוניציפאלע אנטיילנעמען אין דער ענווייראנמענטאלע אפהיט אגענטור (EPA) ריינע וואסער-אפשיידן געברויכן אנקעטע (CWNS) אנגעהויבן אין מערץ איז קריטיש-וויכטיג וויבאלד עס באווירקט אויף וויפיל פעדעראלע CWSRF פינאנצירונג וועט זיין צוגעטיילט צו ניו יארק סטעיט צו פינאנצירן צוקונפטיגע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מוניציפאליטעטן וועלן געבעטן ווערן אריינצוגעבן צו EFC באווייז דאקומענטן איבער זייער קאמיוניטי׳ס אפפאל-וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן פאר אריינגעבן צו EPA.

ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג באשטעטיגט:

- ווילעדזש אָוו איסט סירעקיוס אין אנאנדאגא קאונטי - 87,156 דאלער WIIA גרענט און 1,009,052 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר דער צווייטער פאזע פון אן אינפילטרעישען / אינפלאו באהעפטונג און סעניטערי סוער איבעררין לינדערונג פראיעקט.
- ווילעדזש אָוו פרענקלינוויל אין קאטאראוגוס קאונטי - 5,050,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר אפפאל-וואסער באהאנדלונגס פאבריק און פארזאמלונג סיסטעם פארבעסערונגען.
- ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט - 284,783,326 דאלער אין לאנג-טערמיניגע געבארגטע פינאנצירונג צו אויספלאנירן און בויען פארשידענע קאמבינירטע סוער איבערלויף, אפפאל-וואסער פארזאמלונג סיסטעם און באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונג פראיעקטן.
- סופאלק קאונטי - 4,644,642 דאלער אין WIIA גרענט און 3,400,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט ראטע פינאנצירונג צו אויספלאנירן און פארוואלטן קאנסטרוקציע אויף דעם סופאלק קאונטי ברעגע ווידערשטאנד-פעאיגקייט איניציאטיוו צו סוער ערד-טיילן וועלכע ניצן יעצט סיסטעמען אויפ׳ן פלאץ אין דעם קארלס ריווער און פארדזש ריווער וואסער-אפשיידן.

- שטאט טראוי אין רענעסעלער קאונטי - 1,825,000 דאלער CWSRF גרענט און 6,179,184 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר דאס אויספלאנירן און בויען קאמבינירטע סוער איבערלויף לינדערונג פראיעקטן אין דעם שטאט, און אין שטיצע פון דער אלבאני פול קאמבינירטע סוער איבערלויף לאנג-טערמיניגע קאנטראל פלאן.
- ווילעדזש אָוו וויליאמסוויל אין ערי קאונטי - 1,612,500 דאלער WIIA גרענט פאר סוער פארזאמלונג פארבעסערונגען.
- טאון אָוו יארקשיר אין קאטאראוגוס קאונטי - 1,285,000 דאלער WIIA גרענט, 963,750 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג און 2,891,250 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט ראטע פינאנצירונג צו פלאנירן און בויען די יארקשיר ווינקלען סוער דיסטריקט.

ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג באשטעטיגט:

- טאון אָוו קאירא אין גרין קאונטי - 1,607,457 דאלער אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג צו אנטוויקלען נאך אונטער׳ן-ערד וואסער קוואל קאפאציטעט; פארבעסערן דער פארק קוואל ארט און עקזיסטירנדע געפערטיגטע וואסער סטארעדזש טאנק, אויסטיילונג סיסטעם אפגרעידס און אינסטאלאציע פון נייע וואסער מיטערס און מיטער-אפליינען געצייג.
- טאון אָוו קראופארד אין אראנדזש קאונטי - 2,311,680 דאלערדיגע WIIA גרענט, 711,329 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, אינטערעסטלאזע פינאנצירונג און 1,422,658 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט ראטע פינאנצירונג פאר דאס בויען פון צוויי פראדוקציע קוועלער און א וואסער באהאנדלונג געביידע, און אינסטאלאציע פון אומגעפער 6,100 פיס וואסער מעין צו באהעפטן דער באהאנדלונגס פאבריק צו דער אויסטיילונג סיסטעם.
- ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט - 150,000,000 דאלער אין לאנג-טערמיניגע געבארגטע פינאנצירונג פאר דאס אויספלאנירן און בויען דעם קראטאן וואסער פילטרעישען פאבריק און פארבינדענע איינריכטונגען.
- ווילעדזש אָוו נייעק אין ראקלענד קאונטי - 3,000,000 דאלערדיגע WIIA גרענט צו ערזעצן אומגעפער 13,000 פיס לאנג פון דעם וואסער מעין.
- אויסטער בעי וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי - 286,000 דאלערדיגע אינטער-מוניציפאלע גרענט (IMG) פאר אן עמערדזשענסי אינטערקאנעקשען צווישן אויסטער בעי וואסער דיסטריקט און לאקוסט וואלי וואסער דיסטריקט.
- וועסטשעסטער ׳דזשאוינט וואָטער-וואָרקס׳ אין וועסטשעסטער קאונטי - 3,200,000 IMG פאר דאס בויען א נייע אולטרעווייאלעט ליכט דיסאינפעקציע איינריכטונג ביי דעם ריי לעיק פאמפ סטאנציע.

גאווערנער האוקול׳ס פינאנץ-יאר 2023 עקזעקיוטיוו בודזשעט טראגט אן איבער א האלב ביליאן דאלער אין דירעקטע אינוועסטירונג אויף ריינע וואסער איניציאטיוון, אריינגערעכנט:

- 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017
- 400 מיליאן דאלער — א רעקארד מאס פינאנצירונג פאר דער ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד (EPF) — צו שטיצן קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן וואס ארבעטן צו לינדערן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג, פארבעסערן אגריקולטורעלע שטיצע-

מיטלען, באשיצן וואסער קוועלער, אוואנסירן אפהיט ארבעט, און צושטעלן פארוויילונגס מעגליכקייטן.

- 4 ביליאן דאלער פאר דער היסטארישער ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באַנד׳ געזעץ. אויב ווערט עס גוטגעהייסן דורך ווילער דעם הערבסט, וועט דער היסטארישער איניציאטיוו געבן די שטיצע אין וואס ניו יארק נויטיגט זיך צו אויפריכטן קריטיש-וויכטיג ענווייראנמענטאלע באשעפעניש-וואוין-ערטער; רעדוצירן פלייצונג ריזיקעס; אפהיטן נאך ערד-שטחים און אפענע-לופט-ערטער; באשיצן און פארבעסערן וואסער קוועלער; און אינוועסטירן אין קלימאט ענדערונג לינדערונג פראיעקטן וועלכע וועלן רעדוצירן פארפּעסטונג און וויניגער קארבאן עמיסיעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן